STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01788

TSVEY EYNAKTERS

Morris Levitt

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צווי איינאקטערס

פון

דר. מארים לעוויט

פארלאג א. בידערמאן
239 איסט 12־טע גאס, ניו יארק.

Copyright, 1928
BY
DR. MORRIS LEVITT
916 EAST 176TH STREET, NEW YORK

אינהאלט:

1. אַ פּאַסענדער שידוך.

קאָמעדיע אין איין אַקט

2. ניט געלונגען.

אַ שפּאַס אין איין אקט

אַ מתנה מיינע ליבע זין
ניסן און עזרא.

א פּאַסענדער שידוך

קאָמעדיע אין איין אַקט

פערזאנען:

פרידע מירמעלשטיין, 20 יאר אלט.
שרה העניע, איר מוטער.
זעלדע, איר באבע.
בענצע נח שפיטאלניק, 22 יאר אלט.
אברהם פייוועל, } לאנדסלייט.
נאטאן פוקסמאן, }
צייט — הערבסט, פארנאכט.
פלאץ — ניו יארק.

סצענע:

א געוויינלאך אָרים עס־צימער. רעכטס — אַן אַלט־מאָדיש בופעט, אויף וועלכן עס שטייט אַ קופּערנע מנורה, צוויי לייכטער: אויפ'ן וואַנט אַ שפּיגל; אין ווינקל שטייט אַ היימיש סאַמאָוואַר אויף אַ דרייעקיקן הילצערנעם טישל. לינקס — אַ טיר, וועל־כע פירט צו די איבריקע חדרים: אַן אַלטע סאָפע. אין הינטערגרונט — אַ קאָרידאָר. וועלכער פירט צום אריינגאַנג: איין פענצ־טער און אַ נייי־מאַשין. אין מיטן צימער — אַ רונדער טיש, ביינקלאַך. אויף די ווענט בילדער: דר. הערצל, שלום־עליכם, פאַ־מיליען פאָטאָגראַפיעס. אין צימער איז האַלב טונקל. עס פאַלט אריין אביסל ליכט דורכ'ן פענצטער. שרה העניע, אין אַ פאַר־טוך מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, קערט די הויז מיט אַ בעזים. זעלדע זיצט לעבן פענצ־טער אויף אַ פאָטער־שטול, זי האַלט אירע פיס אָנגעשפאַרט אויף אַ קליין ביינקעלע און צירעוועט אַ זאָק איבער אַ גלאָז. זי איז געקליידעט אין שוואַרצן, טראָגט אַ גלאַטן שייטל, אויף וועלכן עס איז ארומגעבונדן אַ ווייסע זיידענע געבלומטע טיכל, אויפ'ן שפּיץ נאָז — אַ פּאָר ברילן.

זעלדע: איך בין שוין בא דיר צוגאַסט באַלד אַ וואָך און איך האָב דיין פרײַדעלען נאָך ניט אָנגעקוקט.

שרה העניע: זי זיצט דען אין שטוב, די שטי־פערקע! — אָפּגעגעסן, לויפט זי באַלד אַוועק... הײַנטיקע קינדער האַלטן נאָר אין איין ארומלויפן.

זעלדע: אַמאָל זײַנען קינדער ארומגעהאַנגען לעבן דער מאַמעס פאַרטוך — הײַנטיק צייטן איז עס אַנדערש.

שרה העניע: צוריקגערעדט, פאַרוואָס זאָל זי זיצן אין הויז? אַ גאַנצן טאָג חושך'ט מען ערגעץ אָפּ אין אַן אָפיס און מ'באַראַבאַניעט מיט די פינגער איבערן טײַפּרײַטער, קומט אין אָוונט — ווילט זיך ארויסגיין אַביסל... (קליינע פּויזע.)

זעלדע: נו, און וואָס הערט זיך עפּעס מיט אַ חתן?

שרה העניע: עס דרייען זיך ארום איר גאַר וואַזשנע בחורים, אָבער צו קיין תכלית קומט עס ניט.

זעלדע: איבריגנס, טאַכטער מײַנע, שטאַרק זאָרגן זיך דאַרפסטו ניט, — זי איז אַן עין הרע אַ שיין און קלוג מיידל.

שרה העניע: אָבער די יאָרן, מאַמע, שטייען ניט. אַ מיידל דאַרף מען חתונה מאַכן וואָס פריער. (זי דערמאָנט זיך עפּעס, בלײַבט שטיין.) דו הערסט, מאַמע, אונזער נײַער

בוטשער פרעגט זיך אַלעמאָל נאָך אויף אונזער פריידעלען. קענטיק זי איז אים שטאַרק געפעלן. ער איז אַ גאַנץ וואוילער יונגערמאַן. ערשט עטלאַכע חדשים אין לאַנד און ער האָט שוין אַפּגעשפּאָרט באַ ניין הונדערט טאָלער. איך האָב איר איינ־מאָל אָנגעמוטט אים, — האָט זי זיך אויס־געלאַכט. כדאי, זאָגט זי, חתונה האָבן און ווערן אַ בוטשערקע און פּאַרקויפן לעבער־לאַך און פּופּיקעס צו אַלע יענטעס.

זעלדע: זעסטו, אַמאָליקע יאָרן איז שוין אַנ־דערש געווען. מיך האָט מען דען אָנגעפרעגט? איך האָב דאָך דעם טאַטן דיינעם, עליו־השלום, זאָל ער דאָרטן זיין אַ גוטער בעטער פאַר אונז, ביז דער חתונה אפילו ניט אָנגעקוקט, און דאָך האָבן מיר אָפּגעלעבט בשלום גאַנצע פערציק יאָר. הלואי אויף היינטיקע ניט ערגער.

שרה העניע: אַמעריקאַנער מיידלאַך פאַרלאָזן זיך ניט אויף די מבינות פון זייערע עלטערן. דערצו ווילן זיי חתנים מיט אַלע מעלות. און אַזעלכע איז שווער צו קריגן.

זעלדע (זיפצט): ווער ווייסט, אפשר זיינען זיי גערעכט!...

(אין צימער איז דורך דער צייט געוואָרן טונקל. שרה העניע צינט אָן די גאַז.)

זעלדע: אַט אַזוי איז בעסער. איך וועל קענען זען ווי צו צירעווען די זאַק.

(מען קלינגט. שרה העניע גייט עפענען די טיר, קומט צוריק מיט בענצע נח'ן. ער איז אנגעטאן אין א לאנגן מאנטל, באפלעקט פון בלוט און באדעקט מיט פעדערן. אויפ'ן קאפ בא אים איז אנגערוקט א גרויסע ווייכע היטל. אויפ'ן זוים פון זיינע פוכקע, רויטע באקן שפראצט ארויס א בלאנד בערדל.)

שרה העניע: אז מ'וואלט דערמאנט משיח'ן, וואלט ער אויך געקומען! טאקע ערשט גערעדט פון אייך. מאמע, אט דאס איז אונזער נייער בוטשער. זעצט זיך, מיסטער. (בענצע נח זעצט זיך שעמעוודיק אויף א ברעג ביינקל.) נו, וואס דערציילט איר עפעס?

בענצע נח: געקומען פרעגן אויף אן ארדער. אפשר דארפט איר א גוט חלק פלייש פאר מארגן?... ערשט דערהאלטן פרישינקע רינדער, קאלבס פלייש, א טייער שטיקל שפאנדרע.

שרה העניע: ברייגנט מארגן צוויי פונט פרישע קאלבס פלייש. פארגעסט ניט צולייגן א פאר קנאכן-ביינער און אביסל פעטס.

בענצע נח: אייך, מיסעס מירמעלשטיין, גיב איך אלעמאל פון דאס בעסטע.

זעלדע (באטראכטענדיק בענצע נח'ן פון איבער די ברילן): ווי רופט מען דיך, יונגערמאן?

בענצע נח: וועמען מיינט איר, מיך?

זעלדע: יאָ, דיך טאַקע מיין איך.

בענצע נח: מען רופט מיך בענצע נח שפּיטאַל־ניק.

שרה העניע: זייער אַ מאָדנע פאַמיליע. איך פאַרגעס עס אַלעמאָל.

זעלדע: פון וואַנען קומט עס אַ איד?

בענצע נח: פון ראַסיי... פון מינסקער גו־בערניע. מיין שטעדטל הייסט קאַראַפּוזאָוו־קע. (שרה העניע אָפּ.)

זעלדע: ביסטו, בענצע נח, אין דערהיים אויך געוועזן אַ בוטשער?

בענצע נח: ניין, אין דערהיים, אין קאַראַפּו־זאָווקע, בין איך געוועזן אַ קצב. איך וואַקס פון אַ משפּחה פון סאַמע קצבים. נאָר מיין זיידע אַלעשאַלעם איז געוועזן אַ באַוואוס־טער פערד הענדלער, אַ גרויסער קענער אויף פערד געוועזן.

זעלדע: אַזוי גאָר! — דיין זיידע איז געוועזן אַ גרויסער מבין אויף פערד?

בענצע נח: אָהאָ, נאָך אַלץ הייסט אַ מבין. איר הערט, אין אַ מאַרק־טאָג, אַז ער פלעגט דערזען אַ ניי פערדל באַ אַ פּויער, פלעגט ער עס באַלד צוכריאַשטשען דאָס מויל, פאַררייסן די ראָזע צונג אויף אַ זייט, אַריינקוקן אין די ציין און פּונקט טרעפן די יאָרן. אָהאָ, שוין איינמאָל אַ מבין געוועזן אויף פערד!...

זעלדע: פּלעגט ער ליב האָבן דעם ביטערן טראָפּן אויך?

בענצע נח: איר מיינט אַביסל בראָנפן?... גאָט באַהיט... וואָס רעדט איר, מיין זייַדע אַ שכור!... נאָר אַמאָל נאָך אַ געלונגענעם יאַריד פּלעגט ער זיך אַריינכאַפּן אין אַ שיינק, נעמען אַליין אַ קאַפּעטשקע און אַלעמען טראַקטירן. נו, און שמחת תורה פּלעגט ער זיך טאַקע אָנ'שכור'ן, אָבער דאָס איז דאָך אַ מצוה... מיין זיידע איז געווען אַ וואוילער איד. ניט קיין גרויסער לערנער, אָבער אַ גוט ברודער געווען, אַן אָפּענע האַנט געהאַט, געטאָן מענטשן טובות.

זעלדע: אין חדר, בענצע נח, ביסטו געגאַנגען? קאָנסט עפּעס לערנען, שרייבן?

בענצע נח: אוודאי געגאַנגען. — ביז עלף יאָר אין חדר געגאַנגען. געלערנט דאַווענען, אַ שטיקל חומש, אַביסל שרייבן אויך...

(שרה העניע קומט אַן.)

זעלדע: דו הערסט, שרה העניע, דער מאַן וואַקסט דאָך גאָר פון גרויס יחוס.

שרה העניע: זעסטו, דאָס איז ניט דער עיקר. איר דערציילט בעסער, בענצע נח, ווי גייט עס אייך אין די בוטשער ביזנעס?

בענצע נח: ביזנעס איז, אַ דאַנק גאָט, ניט צו פאַרזינדיקן. דער עולם עסט. אַן עין הרע, גאַנץ נישקשה... איר פאַרשטייט. לייזונג איז דאָ און עקצפּענצעס איז קליינע.

קומט מען צו א טאָלער. עסן און אַ געלע־גער קאָסט מיך ניט... איך האָב נאָר די ערשטע צייט געהאַט אביסל צרות פון פּאַ־ליצמאַן. ער פלעגט מיך ניט לאָזן שלאָפן אין בוטשער שאָפּ. איר'ט געהערט, אזא רשע אַן ערל, האָט מיר ניט פאַרגונען דעם וואוילטאָג. איך צאָל דירה געלט — אָרט אים וואָס איך שלאָף אין מיין שאָפּ. מיי־נער איז אָבער אויך ניט קיין בעמעלע נאָר. האָב איך אים איינמאָל אריינגעשטופּט א האַלבע טשיקן אויף שבת, איז ער געוואָרן בלינד, און האָט מיטאמאָל אָנגעהויבן ריידן צו מיר אידיש. איצט שלאָף איך מיר ווי א גראָף לעבן אייז־באָקס...

(עס קומט אַן פרידע פון גאַס, זי איז נעט געקליידעט, אין א העט.)

שרה העניע: פריידעלע, דאָס איז מיסטער שפּיטאַלטשיק, דער נייער בוטשער. זייט באַקאַנט!

בענצע נח (שטעלט זיך אויף, ווערט רויט, שטרעקט אוים די האַנט.): מיין נאָמען איז בענצע נח שפּיטאַלניק.

שרה העניע: יאָ, שפּיטאַלניק. — אַלעמאָל פאַרגעס איך... אי א קאָפּ באַ מיר!

פרידע (קוקט אים אָן, שמייכלט): עס פרייט מיך...

שרה העניע: דו ווייסט, טאָכטער מיינע, אַז דער מיסטער שפּיטאַלניק איז א גרויסער

פאַרדינער. אַלע ווייבער פון דער נאָכבאַר־
שאַפט לויפן נאָר צום גרינעם בוטשער נאָך
פלייש. ער פאַרדינט שטיקער געלט.

פרידע: איך בין העכסט צופרידן. — פונמיינט־
וועגן זאָלן אַלע אידן און אידענעס פאַר־
דינען. (זי טוט אויס איר העט, קוקט אַריין
אין שפּיגל. שטיפעריש פאַרריכט זי אירע
שיינע לאָקן און גייט אַפּ זינגענדיק אין די
אַנדערע צימערן. בענצע נח קוקט איר נאָך
פאַרגאַפט.)

שרה העניע: נו, וואָס זייט איר, בענצע נח.
געבליבן שטיין? זיצט. (בענצע נח זעצט
זיך) איר וועט אפשר טרינקען אַ גלאָז טיי?

בענצע נח: אַ דאַנק. — איך דאַרף גיין צו־
שליסן דעם בוטשער שאַפּ.

שרה העניע (מיט פאַרוואורף): איר ווייסט.
בענצע נח, איר לעבט שוין אביסל צו קאַרג.
אין אמעריקע דאַרף מען זיין הייגטוועל־
טיש... איך האָב שוין אייך עטלאָכע מאָל
געזאָגט, אַז איר זאָלט קויפן נייע קליידער.
פוצט זיך אויס... און מען קויפט טאָקע
אמאָל אַ פּאָר בילעטן אין טעאַטער. ניש־
קשה, געלט מאַכט איר גענוג, ווערט נאָר אַ
מענטש מיט מענטשן גלייך, וועט מיין
פריידעלע מיט אייך אויסגיין.

בענצע נח: איך האָב שוין געקויפט נייע
מלבושים. נאָך ניט פאַנאַנדערגענומען
אפילו... איר זייט גערעכט, מיסעס מיר־

מעלשטיין, איך וועל אייך טאַקע פאָלגן. —
ווי איר זעט מיך אַ אידן. איך גיי ווערן אַן
אַמעריקאַנער „ספּאָרט". נו, איך גיי שוין.
איר'ט זען — איך וועל אייך אַלעס פאָלגן.
איך גיי גלייך קויפן די בילעטן. אַ גוטע
נאַכט.

שרה העניע: אַ גוטע נאַכט! — קומט אַפּט.
(בענצע גאָך אַפּ געהיילט.)

זעלדע: איז דען אַ וואונדער, וואָס פריידעלע
האָט ניט געוואָלט אויף אים אַ קוק טאָן?
—ס'גענוגען אַ הילוכ'ל, אַן אויסזען! היינט
אַ יחוס! שטאַמט אַז פון סאַמע פערדהענד־
לער. וואָלט ער כאָטש געשוויגן. וואָלט זיך
אַזוי פיל דער נאַר ניט ארויסגעזען.

שרה העניע: אין אַמעריקע, מאַמע, קוקט מען
ניט אויף יחוס. דערהויפּט שפּילט דאָ די
ראָלע, צי דער בחור קאָן מאַכן אַ לעבן. און
בוטשאַרעס, זאָג איך דיר, מאַכן דאָ געלד.

זעלדע: אָבער ער איז דאָך אַ פּרא־אדם. אַ
שוטה! — אויך מיר אַ מאַנספּאַרשוין פאַר
פריידעלען.

שרה העניע: נו, און אונזער נייטען איז געווען
מער מענטש, ווען ער האָט אָנגעהויבן אויס־
גיין מיט מיין קלאַרען? — קיין צוויי ניט
געקאָנט ציילן. היינט, ברוך השם, האָט ער
אַן אייגענע פאַרב־קראַם, צוויי הייזקעס
אין בראַנזוויל און איז געוואָרן אַ גאַנצער
יאַטעבעדאַם.

זעלדע: נאַרעלע, אז מען האָט שוין אַ פּאַרב־קראַם און צוויי הייזקעס, מיינסטו ווערט מען אַ גרויסער מענטש? — מען קאָן האָבן אפילו אַ טענעמענט הויז און בלייבן אַ בהמה בצורת פערד.

(מען קלינגט. שרה העניע גייט עפענען די טיר, קומט צוריק מיט אברם פייוולען.)

אברם פייוועל (ברייטלאַך און געלאַסן): אַ גוטן אָוונט אויף אייך, באָבע זעלדע!
(זעלדע באַטראַכט אים פון איבער די ברילן)
נו, און וואו איז דאָס אייער מאַן?

שרה העניע: אוועק אין דער יוניע. עפּעס צו אַ מיטינג. מאַמע, דו דערקאָנסט אים ניט? דאָס איז דאָך אַ לאַנדסמאַן. דאָס איז דאָך אברם פייוועל חיים לויבע מאַשקע דעם בעדערס זון.

זעלדע (באַטראַכט אים ווידער): אָט דאָס איז אברעמטשע חיים לויבע מאַשקע דעם בע־דערס זון? אויף נאמנות, איך וואָלט אים ניט דערקאָנט... אַ גאַנצענער שררה גע־וואָרן אין אמעריקע.

אברם פייוועל (שטעלט אַנידער זיין שטאָק אין אַ ווינקל פון צימער, נעמט אַ ביינקל, זעצט זיך ברייטלאַך, גלעט זיך באַם בערדל, רעדט מיט מתיקות.): זאָלט איר מיר געזונט זיין, מיינע ליבע לאַנדסלייט. איך הייס ניט מער אברם פייוועל חיים לויבע מאַשקעס זון. אין אמעריקע האָט מען ליב קורצע נעמען.

דאָ הײם איך רעװערענד אײבראַהאַם קאָז־לאָװסקי. (ער שפּילעט פּאַנאַנדער זײַן שװאַרצן סורטוק, נעמט אַרױס פֿון הײזן־קעשענע אַ זילבערנעם פּאַרטסיגאַר און פּאַרױכערט אַ סיגאַרעט מיט גרױס הנאה. עס זעט זיך אַרױס פֿון װעסט קעשענע אַ פּעט־גילדן קײטל.)

שרה העניע (איבעראַשט): גאָר אַזױ! אַ רעװערענד? ... איך האָב געהערט, אַז איר זײַט אַ גאַנצער מאַכער אין אונזער לאַנדס־לײַט סאָסײַעטע, אָבער, אַז איר זײַט אַ רעװערענד געװאָרן דאָס הער איך ערשט.

אברם פּײַװעל (אַ צופֿרידענער): יאָ, איך בין רעװערענד, מסדר קדושין, מוהל און אַז עס מאַכט זיך אַ זײַטיקס פֿאַרדינסטל װאַרפֿט מען אױך ניט אַװעק.

זעלדע (קוקט נאָך אַלץ אױף אים און שאָקלט מיט׳ן קאָפּ.): אַזױ גאָר! אַזש אַ רעװער־ענד געװאָרן! ... אַברעמטשע, האָסט זיך גאַנץ פֿײַן אַרױפֿגעאַרבעט. — פֿון אַ באַדיונג אױף אַ רב. אַ גאַנץ פֿײַנער מהלך.

(פֿרידע באַם טיר אומבאַמערקט הערט אונ־טער דעם געשפּרעך.)

אברם פּײַװעל: פֿאַרשטײט איר מיך, באָבע זעלדע, װאָס אין דער הײם איז געװען איז שױן לאַנג פֿאַרשװאונדן, גלײַך װי אין װאַ־סער אַרײַן. דאָ אין אַמעריקע װערן מיר נײַ געבאָרן. נו, און עסערס, ברוך השם, האָב

איך דאך געננג, און א לעבן דארף מען מאכן. דערווייל האב איך אויסגעפונען, אז כלי־קודש'עריי איז דא א וואויל געשעפט. האב איך מיך א נעם געטאן צום אלטן חומש און תנ"ך און, ווי איר קוקט מיך אן, האב איך אויסגעלערנט די גאנצע תורה על רגל אחת און איך בין געווארן רעווערענד אייבראהאם קאזלאווסקי.

זעלדע: ווי זאגט מען דא בא נ'אייך ? — האריי אפ, ארויף און אראפ, איבערגעקוקט דעם חומש און שוין א שפאגל נייער רב. נו, אמעריטשקע !

אברם פייוועל: איך זע איר וואונדערט זיך נאך אלץ, באבע זעלדע ! אט אלעמאי איז זאלמאנקע דעם קורנאסענס בענאק אין דערהיים געווען א פשוט'ער גנב, און דא איז ער א גבאי אין א שול ? ... איך זאג אייך, ס'איז א טייער לאנד אמעריקע ! — יעדער איינער קאן זיך דא ארויפארבעטן. מען דארף נאר האבן „נאירוו" און פאר־שטיין אן עסק.

זעלדע: נו, געווים א טייער לאנד. וואס דארף מען נאך בעסער, אז פון א גנב ווערט מען דא א גבאי, פון א בעדער — א רב ...

שרה העניע (שלאגט זיי איבער) **:** וואס טויג אייך דער טיילן זיך אין יחוס ? אין אמע־ריקע זיינען אלע גלייכע מיוחסים ! ... וועט איר אפשר, אברם פייוועל, טרינקען א גלאז טיי ?

אברם פייוועל: נייז, איך דאַנק אייך. (ער קוקט אויף זיין גאָלדענעם זייגער) איך קאָן דאָ אויף לאַנג ניט פאַרבלייבן, ווייל אין דרויסן וואַרט אויף מיר אַ מאַשין מיט אַ שויפער.

שרה העניע: אויב מענטשן וואַרטן אויף אייך אין דרויסן, היינט צוליב וואָס זיינט איר אַרויפגעקומען?

אברם פייוועל: איך בין געקומען צו נ׳אייך וועגן זייער אַ גרויסן און וויכטיקן ענין.

(עס קומט אַריין פרידע.)

שרה העניע: זייט באַקאַנט! — מיין טאָכ־טער פרידע... אַ לאַנדסמאַן, אברם פיי־וועל.

אברם פייוועל (שטייט אויף רירעוודיק. ניט איר די האַנט מעשה קאַוואַליער): רעוור־רענד אייבראַהאַם קאָזלאַווסקי. זייער אָנ־גענעם, פריילין פרידאַ מירמעלשטיין. מיט אייך זיך צו באַקאַנען.

(פרידע ענטפערט אים קאַלט אויף זיין באַ־גריסונג, זעצט זיך באַם טיש, שפּאַרט אונ־טער דעם קאָפּ און פאַלגט נאָך דעם גע־שפּרעך.)

זעלדע (בייז): דאַכט זיך, כלומרשט אַ רב אין אַמעריקע און פראַוועט נאָך אַלץ די בעדער־שע שטיק!

שרה העניע: נו, דערציילט זשע שוין, אברם פייוועל, וועגן דעם גרויסן וויכטיקן ענין?

אברם פייוועל: אַלזאָ, איך וועל צוטרעטן גלייך צו דער זאַך. איך האָב ניט ליב פיל צו

מאריך זיין. איר פארשטייט, אמעריקע איז א פראקטישע לאנד — ווייניקער גערעדט און מער געטאן. און אויסער דעם ווארט אויף מיר אין דרויסן אן אכט טויזנט דא־לארדיקער אויטאמאביל מיט א שווארצן שויפער.

פרידע: מיסטער רעווערענד, דערציילט זשע שוין וועגן דעם גרויסן ענין?

זעלדע: וואס פארשטייסטו ניט, נארעלע. — ער אליין איז אין אמעריקע געווארן א רב. וויל ער דיך מסתמא מאכן פאר א רביצן.

אברם פייוועל: ראשית, וויל איך איר זאלט וויסן, אז איך בין, חלילה, ניט געקומען צו טרייבן קאטאוועס. והשנית, וויל איך איר זאלט וויסן, אז איך בין א מענטש א פאר־נומענער, צייט איז בא מיר געלט. און אוי־סער דעם ווארט מען באלד אויף אן ענט־פער...

שרה העניע (פאלט אים אריין אין די רייד): וועגן וואס עס האנדלט זיך הויב איך נאך אלץ ניט אן צו פארשטיין.

אברם פייוועל: ווארט זשע א ווײלע, מיסעס מירמעלשטיין, שלאגט ניט איבער... דאס איז אן ענין קאטארי, וועלכער וועט אייך, און אייער מאן און אייער גאנצע פאמי־ליע גליקלאך מאכן!

פרידע (מיט א ווידערגעפיל): ס׳מוז זיין א וואויל געשעפט.

זעלדע: אמעריקאנער גליקן.

שרה העניע (דערצאַרנט) : אברם פּייוועל, איך בין אַן איינפאַכע אידענע — מיט מיר דאַרף מען רעדן פּשוט'ע דיבורים !

אברם פּייוועל : עך, זאָלט איר מיר געזונט זיין, מיסעס מירמעלשטיין ! איך בין צו ג'אייך געקומען מיט אַזאַ וויכטיקן פאָרשלאַג. — מען וויל אייך און אייער מאַן גליקלאַך מאַכן, און אייער טאָכטער וויל מען אַנטאַן אין גאָלד און בריליאַנטען פון קאָפּ ביז די פּיס, און איר בייזערט זיך גאָר !

פרידע : די מעשה ווערט אינטערעסאַנט. רעדט מיסטער רעוורענד.

אברם פּייוועל : ווי איך זע, מיסעס מירמעלשטיין, זייט איר נאָך אַלץ בייז. נו, וועל איך עס מאַכן קורץ און גוט. אַ געוויסער מיליאָנער, אַן אמת'ער ראָטשילד, אַזעלכער וואָס באַלאַנגט צו די סאַמע פיר הונדערט. אַ מאַן אַ שררה, אַ מאַגנאַט... בקצור אַ געוויסער מיליאָנער האָט זיך פאַרליבט אין אייער טאָכטער פרידאַ, און צוליב איר זכות, וועט ער אייך אַלעמען גליקלאַך מאַכן.

פרידע (מיט געמאַכטן פרייד) : אי, ווי גוט ! דערציילט ווייטער, מיסטער רעוורענד ! איך האָב גאָרניט געוואוסט, אַז ס'זיינען דאָ אַזעלכע טייערע מענטשן אויף דער וועלט.

זעלדע (צו אברם פּייוועלען) : מסתמא איז דער מאַן אַזאַ מיליאָנטשיק, ווי דו ביסט אַ רב.

אברם פייוועל: אַי, זאָלט איר מיר געזונט זיין, באַבע זעלדע! אַז איך זאָג אייך אַ מיל־יאָנטשיק, מסתמא ווייס איך וואָס רעד. איך בין זיכער, אַז איר קאָנט אים אַלע. און גאַנץ ניו יאָרק קאָן אים.

שרה העניע (פאַרוואונדערט): אָבער ווי איז זיין נאָמען? און ווי קומט אַ מיליאָנער צו מיין טאָכטער? און ווער איז ער?

אברם פייוועל (מיט ווירדע): דאָס איז דער באַריהמטער מיליאָנער נאַטאַן פוקסמאַן. דער גרעסטער ליידיס־ווייסט מאַנופעקטשו־רער אין ניו יאָרק.

פרידע (מיט געמאַכטער פרייד): אַך, ווי גוט! אום גאָטעס ווילן, פאַרוואָס האָט איר אונז די שמחה מיט אַמאָל ניט אָנגעזאָגט. איר שלעכטער מענטש, וואָס איר זייט?!... הערט נאָר, מענטשן! דער מיליאָנער פוקסמאַן איז פאַרליבט אין אַן אָרימער מיידל, אין אַ קלאָוקמאַכערס אַ טאָכטער!... אַך, וואָס פאַר אַ גליק!

אברם פייוועל: נאָך אַלץ הייסט אַ גליק. עפּעס אַ קלייניקייט צו טאָן אַ שידוך מיט נאַטאַן פוקסמאַן! — די גאַנצע שטאָדט וועט דאָך אייך מקנא זיין.

שרה העניע (צו פרידען): דאָס מיינט ער דעם אַלטן פוקסמאַן, בא וועמען דו האָסט גע־אַרבעט אַלס בוכקיפּערקע?

פרידע: יאָ, יאָ, דערזעלבער נאַטאַן פוקסמאַן. דו ווייסט גאָרניט, מאַמע? בא אים איז

דאָך די ווייב געשטאָרבן מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, נו איז ער איצט אַ בחור צום האָבן... וואָס, ס'געפעלט דיר אפשר דער שידוך ניט?

שרה העניע: אַלע בייזע חלומות צו מיינע שונאים'ס קעפּ! אַ גליק האָט אונז געטראָפן! — ער מעג דאָך זיין דיין זיידע. ער האָט דאָך שוין אויסגעגעבענע קינדער... (צו זעלדען) דו ווייסט, מאַמע, וועמען אַבּרעמטשע חיים לויבע מאַשקע דעם בעדערס זון רעדט איר אַ שידוך? דו דאַרפסט אים נאָך געדיינקען, — ער איז דאָך פון אונזערע כיימעטשער, ער איז יאַנקעלע לאַטוטניקס אַ זון. די לאַנדסלייט דערציילן, אַז ער האָט עפּעס אַמאָל געהאַט צו טאָן מיט דעם גלח'ס טאָכטער און נאָכדעם איז ער אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון שטעדטל.

זעלדע: דו מיינסט אודאי נוסקע כלבוניק. יאַנקעלע דעם שכור'ס בענאַק? אַ שאלה צי איך געדיינק אים! ניט איינמאָל האָט ער גע'גנב'עט הינער פון אונטער די הענט בא מיין טאַטן דעם שוחט... שוין איינמאָל אַ יונג געווען. די גאַנצענע שטעדטל האָט פאַר אים מורא געהאַט.

פרידע: באָבע, אַ גנב איז היינטיקע צייטן גאָר ניט קיין שאַנדע. פאַרקערט, וואָס מער גנב אַלץ רייכער ווערט מען, און וואָס רייכער מען איז, אַלץ אַ שענערער מענטש איז מען. ווי זאָגט איר, מיסטער רעווערענד. —

מען דארף נאר האבן „נאירוו" און פאר־
שטיין אן עסק.

אברם פייוועל: וואס טויג אייך, אידענעס וואס
איר זייט, אויסרעכענען יענעמס יחוס!...
יענער איז א מיליאנטשיק, פארמאגט פער־
ציק טענעמענט הייזער, צוויי קליידער פאב־
ריקן, און איר רעדט פון יחוס!... יענער
וואוינט אין די הויכע פענצטער אויף רי־
ווערסייד דרייוו, קאמפאנירט זיך מיט די
סאמע סמעטענע פון שטאדט — מיט באנ־
קירן, לאיערס און רעווערענדס, און איר
רעדט וועגן יחוס!... איר שפילט זיך
עפעס מיט נאטאן פוקסמאן. איר דארפט
אים נאר אנקוקן — א רעגעלער שררה. א
א גראף, אן עכטער דייטש. ער רעדט דאך
בלויז דייטש...

זעלדע: נו, א וועלט געווארן! נוסקע כלבוניס.
יאנקעלע דעם שכור'ס בענאק, איז געווארן
א מיליאנטשיק אין אמעריקע און רעדט
בלויז טייטש!

שרה העניע: מילא, וועגן דעם, וואס איר זאגט
ער איז רייך, ווייס איך: אבער ווי קומט
צו אזא מענטשן דייטש! — איך גלויב ניט
צי ער קאן אפילו עברי.

פרידע: יא, מאמע, מיסטער פוקסמאן רעדט
נאר דייטש.

אברם פייוועל: אה, זאלט איר מיר געזונט זיין.
מאדאם מירמעלשטיין! נאטאן פוקסמאן
האט מיר אליין דערציילט, איך זאג אייך

אויף מיינע נאמנות, אַז איידער ער איז געקומען קיין אמעריקע, איז ער געווען אין בערלין צוויי יאָר אונטער קעלנער און צוויי יאָר אבער קעלנער.

שרה העניע: וואָס איז אַזוינס אונטער קערער און אבער קערער?

זעלדע: ווייס איך וואָס, — מסתמא, אַ שמייסער אין אַ באָד געווען.

אברם פייוועל: אַך, וואָס רעדט איר! דאָס איז אַזאַ מין סאָרט סטודענט אין אַן אוניווערזיטעט. (פרידע שמייכעלט) איר הערט. ער האָט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער. עפּעס אַ קלייניקייט זיינע געשעפטן! היינט שרייבט ער ענגליש, ווי אַן עכטער יענקי. איך האָב אליין געזען ווי ער שרייבט אונטער טשעקס... הכלל, איך זאָג אייך, אַז אַזאַ שידוך איז פאַר אייך אַ גליק, אַז אמת׳ע שמאַלץ־גרוב.

זעלדע: עס מאַכט זיך אָפט, אַז די שמאַלץ רינט אויס און די גרוב בלייבט.

פרידע: זאָגט מיר, איך בעט אייך, מיסטער רעוורענד, איז דאָס אַלץ אמת. וואָס איר דערציילט דאָ? האָט זיך טאַקע דער מיליאָנער פוקסמאַן אין מיר פאַרליבט?

אברם פייוועל: נאָך אַלץ הייסט פאַרליבט! יענער האָט מיך געשיקט רופן אַ וואָך נאָך קבורה, האָב איך אים קוים איינגערעדט, אַז ער זאָל כאָטש אָפּוואַרטן ביז נאָך

שלשים, און איר פרעגט, צי ער איז פאַר־ליבט... ער זאָגט, ער האָט אייך ליב געקראָגן, זייט איר האָט באַ אים געאַרבעט אַלס בוכקיפּערקע... (ער קוקט אויפ׳ן זייגער, פרידע שמייכלט) בקצור, וואָס איז אייער ענטפער, געערטע מיסעס מירמעל־שטיין? — זאָל איך אים גיין ברייגנען?

שרה העניע: ניין, אברם פּייוועל, ברייגנט אים ניט. זי איז אַ יונג קינד און ער איז אַ איד אַ זקן. אָט, זעט איר, אויב איר ווייסט עפּעס פון אַ יונגען בחור, דאָס מיט פאַר־געניגן.

זעלדע: געערעכט, טאָכטער מיינע, רייכקייט איז נאָך ניט אַלעס... אַי, אַ זינדיקע וועלט געוואָרן!... (שאָקלט מיט׳ן קאָפּ.)

אברם פּייוועל: וואָס זשע איר ווילט נאָך ניט? אַזאַ מיליאָנטשיק, אַ מאַן וואָס באַלאַנגט צו די סאַמע פיר הונדערט, און איר ווילט נאָך ניט?! אַ דאגה, מיינט איר, האָב איך מיט אים מיט אַ שידוך! — עס איז דאָ געגנוג מוידן, וועלכע לויפן אים נאָך. ער קאָן אפילו קריגן אַן עכטע יענקי. באשר ער האָט זיך איינגעשפּאַרט און וויל נאָר אייער טאָכטער, דאַרפט איר זיך נאָך ברעקלען? אַי, זאָלט איר מיר געזונט זיין, — ער וועט דאָך אייך אַלעמען גליקלאַך מאַכן! ער וועט דאָך אייער רב טוביה׳ן אריינגנע־מען צו זיך אין די געשעפטן! אַזאַ גליק.

אַזאַ הצלחה אויף אַלע מיינע פריינט גע־
זאָגט געוואָרן! ... אַלזאָ, איך מוז אים
שוין ברענגען אַן ענטפער.

שרה העניע: ווייסט איר וואָס, אברם פּייוועל.
איך וועל מיך באַראָטן מיט מיין מאַן און
איך וועל אייך געבן מאָרגן אַן ענטפער.

אברם פּייוועל: זאָלט איר מיר געזונט זיין.
מיסעס מירמעלשטיין, יענער וואַרט אויף
אַן ענטפער, און איר זאָגט מאָרגן. דערצו
גייען מיר דאָך נאָך ניט היינט שרייבן קיין
תנאים. זאָלן זיי זיך דורכשמועסן...
בקצור, וואָס איז אייער ענטפער?

(שרה העניע אין פאַרלעגנהייט, שווייגט.)

פרידע: מיסטער רעווערענד, גייט ברענגט אים.
זאָל ער קומען.

(שרה העניע און זעלדע פאַרוואונדערט.)

אברם פּייוועל: אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי אייער
טאָכטער פאַרשטייט בעסער אַן עסק פון
אייך! אָט דאָס איז גאָר אַנדערע דבורים.
איך לויף שוין אים ברענגען. ער איז דאָ
ניט ווייט אין קאַפע „מאַנאָפּאָל". הערט
זיך איין, מענטשן! ער וועט אייך אַלעמען
גליקלאָך מאַכן. ער וועט אייך מאַכן פאַר
גבירים אדירים... זייט מיר געזונט און
שטאַרק. איך קום באַלד צוריק. אויף ווי־
דערזען! (אָפּ געאײַלט מיט שמחה.)

פרידע (לאַכט זיך שטאַרק פאַנאַנדער): זעס־
טו, מאַמע, אַז גאָט העלפט דאַרף מען ניט

גיין זוכן קיין חתנים אין בוטשער שאפ.
(לאכט.)

שרה העניע: איך פארשטיי דיך היינט ניט, פריידעלע. ביסטו משוגע צי חסר דעה גע־ווארן? — דאכט מיר, ווען דו האסט פאר אים געארבעט, האסטו אים גארניט גע־גליכן. פארקערט, פלעגסט זיך מיר אנ־דערציילן אזוי פיל מיאוס'ע זאכן פון אים. עפעס האט ער דאך שטענדיג געהאט צו טאן מיט זיינע מאדעלס פון שאפ. איינע זאגט מען, איז אפילו דורך אים געשטארבן. היינט איבערהויפט, וואס טויג דיר א זקן? ער איז דאך אודאי אין איינע יארן מיט דיין באבען. ניט אזוי, מאמע?

זעלדע: ווארט נאר א ווייל'ע. שא, איך גע־דיינק... באלד נאך דער ערשטער שרפה איז נוסקע כלבוניק געווארן בר־מצוה. איך בין דאן אלט געווען צען יאר. ראש חודש תמוז איז מיר געווארן זעכציק. — ער מוז שוין זיין גוטע דריי און זעכציק.

שרה העניע: דו הערסט? — ער איז שוין דריי און זעכציק יאר אלט. ער פאסט צו זיין דיין זיידע. וואסי, קארג יונגע בחורים אויף דער וועלט? פאלג מיך, טאכטער מיינס, און נעם זיך דיין גלייכן. האב בע־סער חתונה מיט דעם גרינעם בוטשער. ער וועט פאר דיר מאכן א שיין לעבן און ער וועט דיך אויף די הענט ארומטראגן. ער חלש'ט דאך נאך דיינע טריט. אי, טאמער

קאָן ער נאָך ניט די אמעריקאַנער שטיק,
— וועט ער זיך אויסלערנען די תורה.

זעלדע: עפּעס אַ קלייניקייט פון וואָס פאַר אַ יחוס נוסקע שטאַמט!... זיין טאַטע איז געוועזן אַ שכור און אַ מסור; זיין מאַמע, זאָל זי מיר מוחל זיין, איז געוועזן אַ מעק־לערקע פון דינסט־מיידלאך, אויך ניט קיין גרויסע צדקניות; זיין זיידע איז געוועזן אַ ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, האָט אפילו ניט געקאָנט מאַכן די ברכה באַ דער תורה... אַ יחוס, זאָג איך אייך, פון באָד ביז'ן הקדש. הערסטו, קינד מיינס, די מאַמע דיינע איז גערעכט, — בעסער מיט דיין גלייכן אַ שטיקל טרוקן ברויט, איידער מיט אַן אַלטן הולטאַי אין קאַרעטן!...

פרידע (שטיפעריש): הערסטו, מאַמע, ווען איך האָב חתונה מיט נאַטאַן פוקסמאַן, וועלן מיר דאָס לעבן אַ גוטן טאָג! — איך וועל מיר באַשטעלן די בעסטע קליידער און די שענסטע העטס. איך וועל מיך באַ־הייננען פון קאָפּ ביז די פיס אין דימאַנטן. און אַז עס וועט קומען אַן אָרמע קרוב, וועל איך אַראָפּנעמען אַ דימענט פון אַ פינגער און אים אַוועקגעבן. דיר, מאַמע, וועל איך אויפנייען די בעסטע קליידער: און אייך, באָבעניו, וועל איך אויספּוצן אין עסיק און אין האָניק, און מיר וועלן זיך אַלע אריינזעצן אין דעם אכט־טויזנט־דאָ־לאַרדיקן אויטאָמאָביל און איך וועל הייסן

דעם שווארצן „שאפיר" אונז צו פירן אין אלע גאסן, וואו לאנדסלייט וואוינען...
(פון שמחה פאנגט זי אן צו זינגען און טאנצן.)

שרה העניע (צו זעלדען): א שמחה אויף איר געווארן! אט האסטו די אמעריקאנער קינדער! פאר געלט וואלטן זיי זיך אפילו צע'שמד'ט... פע, פריידעלע, שעמען מעגסטו זיך! — אויף אזוינס האב איך זיך פון דיר ניט געריכט.

זעלדע: מילא, אויף דעם אלטן כלבוניק, אויף אים האב איך קיין פאריבל ניט, אבער דו? — פע, ניט שיין!... אבי די מאמע דיינע, דערציילט מיר אלץ, אז דו ביסט א וואויל קינד, א געבילדעט קינד, און מיטאמאל... פוי, חלשות!...

פרידע: שאט, וואס האט איר זיך אזוי צעשריען? — איך האב דאך נאך מארגן מיט אים ניט חתונה! איך האב אים נאר געהייסן קומען. לאמיר אים אנקוקן דעם חתן בחור... איך האב געמעגט גאנצע דריי יאר, טאג איין טאג אויס, גיין צו אים אין אפיס, מעג ער איין מאל קומען צו מיר. זאל ער אויך פארזוכן דעם טעם, ווי צו וואוינען אין הויסטן סטריט אויפ'ן פינפטן פלאר.

שרה העניע: איך הויב דיך ניט אן צו פארשטיין... (מען קלינגט.) אן אוונט היינט! — מען האלט אין איין קלינגען.

פרידע לויפט אוועק אין די צימערן.
שרה העניע גייט עפענען די טיר. בענצע נח
און שרה העניע קומען אריין. בענצע נח
טראָגט א נייעם ברייטן געקעסטלטן אויי־
בערמאַנטל, פון וועלכן עס איז נאָך ניט
ארונטערגעריסן די „לייבלס“, און א נייעם
הארטן הוט.)

זעלדע: הא, ברוך הבא!

בענצע נח (מיט א נאַריש געלעכטערל): איך
בין שוין ווידער דאָ.

שרה העניע: אזוי פרי האָט איר שוין צוגע־
שלאָסן דעם בוטשער שאָפּ?

בענצע נח: נישקשה, מיינע באַלבעאַסטעס
וועלן פון מיר ניט אנטלויפן!... (פאַר־
שעמט) מען קאָן דאָך דעם גאַנצן לעבן ניט
פאַרברייננגען אין בוטשער שאָפּ? — מען
דאַרף דאָך אמאָל זען עפּעס וועגן א תכלית.

שרה העניע: אָט אזוי, אז איר האָט זיך אויס־
געפּוצט, קוקט איר גאַר אוים לייטישער!

בענצע נח: איך האָב אייך, מיסעס מירמעל־
שטיין, געפאָלגט. איר האָט מיר געהייסן
קויפן נייע מלבושים — האָב איך געקויפט.
און בילעטן אויך געבראַכט. — צוויי גוטע
בילעטן פאַר א טאָלער און א האַלבס...
קאָן איך רעדן צו אייער טאָכטער?

שרה העניע (באַם טיר): פריידעלע, קום
אריין!

(פרידע קומט אַן, ווייזט אויס זי האָט זיך געהאַלטן אין פּוצן. זי באַטראַכט בענצע נח'ס נייע קליידער, באַמערקט די לייבלס. האַלט זיך קוים איין פון געלעכטער.)

בענצע נח (שעמעוודיק און נערוועז): איר וועט מיר מוחל זיין, מיסעס מירמעלשטיין, וואָס איך בין אייך מטריח... איך האָב געוואָלט אייך עפּעס בעטן. איך האָב גע־וואָלט גיין מיט אייך זאַלבענאַנד... איך האָב געקויפט צוויי גוטע בילעטן פאַר א טאַלער און א האַלבס...

פרידע: וואָס האָט איר געקויפט, מיסטער שפּיטציק?

בענצע נח: צוויי בילעטען אין טעאַטער.

פרידע: איר מיינט אודאי טיקעטס? פאַר ווען?

בענצע נח: יאָ, טיקעטס מיין איך, פאַר היינט אָוונט. מען האָט מיר געזאָגט, אַז מען שפּילט א גוטע שאָה, בריינדעלע קאַזאַק. הייסט עס. איך האָב באַצאָלט א טאַלער און א האַלבס פאַר צוויי...

פרידע: איך בין היינט פאַרנומען. — איך האָב א „דייט" און אויך פרייע פּעסעס צו א קאָנצערט.

בענצע נח: וואָס האָט איר, מיסעס מירמעל־שטיין, א קאַפּוויטאַג?

פרידע (האַלט זיך קוים איין פון געלעכטער): ניין, איך האָב אַן אַפּאָינטמענט און פּעסעס צו א ריצייטל, איר פאַרשטייט?

בענצע נח: יאַ, איך פאַרשטיי. די קראַנקייט
קומט פון מאַגן מסתמא... פאַלגט מיך,
מיסעס מירמעלשטיין, איך בין אייך אַ גר־
טער פריינט, נעמט בעסער ביטער זאַלץ.
דאָס העלפט שנעלער פון ריצן־אויל. אַלע
מיינע באַלעבאַסטעס היים איך נעמען די
רפואה. דאָס העלפט און קאָסט ביליג...
הייסט עס, היינט קאָנט איר ניט?
פרידע: ניין, איך קאָן ניט.
בענצע נח: אַ שאָד, צוויי גוטע בילעטן וועלן
פאַרלאָרן גיין. (פרידע אָפּ. עס הערט זיך
ווי זי לאַכט אין צווייטן צימער.) אפשר
וועט איר גיין, מיסעס מירמעלשטיין?
שרה העניע: איך דאַנק אייך. ניטאָ קיין צייט
פאַר אַזעלכע זאַכן. ס'איז דאָ, ברוך השם,
אַ גאַנצע הויז אויף מיינע פּלייצעס.
בענצע נח: נו, און ווי געפעלט אייך עפּעס מיין
נייער פּאַלטאָ? אייך טאַקע געפאַלגט.
ניינצן און האַלב טאַלער באַצאָלט. און די
העט איז אויך אַ נייע, און אַ ניי סוטל אויך.
איר ווילט זען?
שרה העניע: אדרבה, לאָמיך עס אַנקוקן.

(ער טוט אוים דעם אויבערמאַנטל: ער
בלייבט אין אַ משונה'דיקן, ברייטן אַנצוג,
אויף וועלכן עס איז דאָ אַלע לייבלס.)

בענצע נח: גאַנצע זיבצן דאָלער באַצאָלט. איר
הערט? — מען האָט זיך ניט געשעמט
בעטן פינף און פופציק טאַלער, נאָר איך
האָב זיך געדונגען...

שרה העניע: עס איז אביסל צו גרויס אויף איך. (זי באמערקט די לייבלס) איר האט גערארפט די טיקעטס אראפרייסן איידער איר האט עס אנגעטאן!... פארגעסט ניט, בענצע נח, אז איר זייט אין אמעריקע און ניט אין קאראפוזאווקע.

בענצע נח: א? וועלכע טיקעטס? וואס פאר א טיקעטס? די טיקעטס זיינען דאך בא מיר אין קעשענע. (ער שלעפט ארויס פון וועסט קעשענע צוויי טעאטער בילעטן.)

שרה העניע: ניין, די טיקעטס. (זי רייסט ארונטער די לייבלס.)

בענצע נח: איר פארשטייט? איך האב גע־וואלט, אז לייט זאלן וויסן, אז איך האב געקויפט נייע און ניט קיין געניצטע קליי־דער...

שרה העניע: אוי, די גרינע! — מען קען פון זיי ניט אריבערטראגן.

בענצע נח: נישקשה, איך וועל זיך נאך אויס־גרינען. נו, איך גיי שוין... א שאד, צוויי גוטע בילעטן וועלן פארפאלן גיין. מסתמא ניט באשערט... פאלגט מיך, מיסעס מירמעלשטיין, גיט איר ביטער זאלץ, עס איז די בעסטע רפואה. א גוטע נאכט.

שרה העניע: א גוט יאר. (בענצע נח אפ.)

זעלדע: נו, ס'געווען א בריאה? — גייט אנ־קוקן א כלה פוצט ער זיך אויס איינמאל אין הינערשע פעדערן, און א צווייטן מאל אין קוויטלאך. וואו וואקסן עס אזוינע

פּראָם?... זי זאָגט, אַז זי האָט אַן „אַפּאָינטמענט" — הייסט ער איר נעמען ביטער זאַלץ, אַזאַ לעמעשקע און וויל נאָך אַ חתן ווערן!

שרה העניע: ער געפעלט מיר אַלץ בעסער פון דעם אַלטן בעל־עבירה'ניק.

זעלדע: די ביידע חתנים טויגן אויף כפּרות. דו פאָלג מיך בעסער און לאָז פריידעלען צו־רו. זי וועט זיך שוין קריגן איר גלייכן. (מען קלינגט שטאַרק.)

שרה העניע: דאָס מוז זיין פוקסמאַן. אַ נאַכט היינט! איינע נאָך די אַנדערע. וואָלט כאָטש מיין טוביה אין דערהיים געווען.

(זי רוימט עטוואָס צו. מען קלינגט ווידער. זי לויפט עפענען די טיר, קומט צוריק מיט אברם פייוולען און נאָטאַן פוקסמאַן. דער לעצטער איז קורץ און גראָב, מיט אַ גרויסן נאָז, אויף וועלכן עס ליגט איינגעגראָבן אַ פּאָר גאָלדענע פענסנע. ער טראָגט אַ ציי־לינדער הוט, שוואַרצן פראַק, אַ ווייס־זייי־דענע זשילעט, ווייסע האַנטשון און אַ שטאָק. פון זיין ריין געראַזירט פּנים שטעקן אַרויס לאַנגע פאַרשפּיצטע גרויע וואָנצעס און אַ פּאָר באַקן־באַרדן אַלאַ דייטש. פוקס־מאַן טוט אויס זיין צילינדער. עס שיינט אַרויס אַ גלאַנציק־נאַקעטער קאָפּ, עס זעט זיך נאָר אַביסל האָר לעבן די אויערן. ער גיט זיין צילינדער און שטאָק צו אברם

פייוולען, ציט אַרונטער די האַנטשוך און קוקט זיך קריטיש אַרום.)

אברם פייוועל: נו, זייט באַקאַנט! — הערן מיליאָנער נאַטאַן פוקסמאַן און מאַדאַם סאַראַה האַניאַ מירמעלשטיין.

פוקסמאַן (גייט צו, גיט די האַנט, בויגט זיך העפלאַך): זייער אַנגענעם, מאַדאַם מיר־מעלשטיין, מיט איהנען בעקאַנטשאַפט צו שליסן!

(שרה העניע פאַרלירט זיך, שטעקט אויס אַ פּאָר פינגער, גיט זיך אומגעלומפּערט אַ שאָקל, זאָגט „גוד איוונינג“. פרידע קומט אָן אַן אויסגעפּוצטע אין אַ נײַ קלייד, זי טראָגט אַ קאָלירטע שאַל איבער די פּלייצעס.)

אברם פייוועל: נו, און פרײַלין פרידאַ מיר־מעלשטיין קאָנט איר דאָך פון לאַנג?

פוקסמאַן (גייט צו, גיט איר די האַנט גאַלאַנט): יאַ, געוויס. וויר זינד שוין אַלטע באַקאַנטע. אַבער עס פרויט מיך זייער איהנען ווידער צו טרעפן! (פרידע גיט די האַנט, זעצט זיך רואיק.)

אברם פייוועל: און דאָס איז די באָבע זעלדע! — איר מוטערס־מוטער.

פוקסמאַן: זיי מיינען, פיליייכט, גראָס מוטער?

אברם פייוועל: יאַ, יאַ, גראָסע מוטער.

(פוקסמאַן נייגט זיך העפלאַך. זעלדע רירט זיך ניט פון אָרט, באַטראַכט אים ווי גע־ווײַנטלאַך, פון איבער די ברילן פון קאָפּ

ביז די פּיס. אברם פּייוועל טראָגט אונטער פוקסמאַנ'ען אַ ביינקל. פוקסמאַן באַטראַכט דעם ביינקל, זעצט זיך פאַרזיכטיק, אַטעמט שווער, ווישט פון זיך דעם שווייס.)

פוקסמאַן: איהנען האָבען זיך זאַ האָך פאַר־קליבן, אַז נור אויפ'ן פינפטן שטאָק!...
(באַטראַכט קריטיש די אָרימע אומגעבונג.)
שוין צימליך לאַנג איך וואָר שוין נישט אין יודישן קוואַרטאַל. איך האָב שוין באַלד פאַרגעסן ווי עס זעט אויס.

זעלדע: אַט דאָס זאָל דאָס זיין נוסקע כלבוניק. יאַנקעלע לאַטוטניקס בענאַק? גאַרניט צו דערקענען... דאַכט מיר, אַ דאַרער בחור'ל געוועזן, מיט אַ פּאָר ברענענדיקע גנב'ישע אויגלאָך, מיט אַ גרויסער קודלע האָר.
(זיפצט) אַך, וואָס די צייט מאַכט!

(פרידע באַאָבאַכטעט אַלעם מיט אַן אינער־ליכער צופרידנהייט.)

שרה העניע (מאַכט זיך קוראַזש): מיסטער פוקסמאַן, מיין מאַמע געדענקט אייך נאָך. ווען איר זייט געוועזן אַ קליינער אינגל. — מיר זיינען דאָך פון איין שטעדטל... מיר זיינען דאָך געוועזן שכנים.

(פוקסמאַן מאַכט זיך, ווי ער פאַרשטייט ניט וואָס מען רעדט צו אים.)

אברם פּייוועל: מאַדאַם מירמעלשטיין זאָגט איהנען שכנים געוועזן, איהנען מחותנים. משפּחה צו איהנען. פון איין שטאָדט.

לאנדסלייט, פארשטעהען איהנען? —
לאנדסלייט.

פוקסמאן: זא? לאנדסלאיטע? יאה, מעגליש. אבער איך געדענק שוין מער גאר ניכטס פון דאס אלטע היים. עס איז שוין פילע, פילע יאהרען פאריבער, אלס איך נאך אמע־ריקא געקאמען. איך האבע שוין אלעס פארגעסען, אלעס פארגעסען!

אברם פייוועל: באבע זעלדע, הער נאטאן פוקסמאן פארשטייט ניט קיין יודיש. ער זאגט, דאס ער געדיינקט גאר נישט מער פון כיימעטש. ער האט אלעס פארגעסן.

זעלדע: אזוי? אלעס פארגעסן? — כיימעטש פארגעסן, די לאנדסלייט פארגעסן, אידיש רעדן פארגעסן... נו, און די מאמע דיינע, נעבע־ביילעטשקע די מעקלערקע, געדיינק־סטו? און דיין טאטן, יאנקעלע דעם שכור, געדיינקסטו? און ווי דו פלעגסט גנב'ענען הינער בא מיין טאטן, געדיינקסטו? און דעם גלח'ס רויטע שיקסע, וועלכע דו האסט פארפירט, געדיינקסטו? (קרימט אים נאך) אלעס פארגעסן, אלעס פארגעסן. אפנים, אז מען ווערט א מיליאנטשיק פאר־לירט מען דעם זכרון!

(פוקסמאן אין פארלעגנהייט, מאכט אונצער־פרידענע גרימאסן, ווישט זיך דעם שוויים פון שטערן.)

אברם פייוועל: איך גלויב, אז דאס בעסטע וואלט געווען ווען איר, הער נאטאן פוקס־

מאַן, רעדט זיך דורך אליין, אויג אויף אויג,
מיט פריילין מירמעלשטיין.

פוקסמאַן: יא, גוט... אליין, גאַנץ אליין.
(אברם פייוועל גייט צו צו זעלדען און שרה
העניען און הייסט זיי גיין אין צווייטן צי־
מער.)

זעלדע (גייט ניט ווילנדיק): אַ גרויל! — נוס־
קע כלבוניק האָט זיך צוגעטשעפעט אַ פּאָר
באַקנבאַרדן און טרייבט פון זיך אַ טייטש...
אַזאַ אַלטער נואף!... אַזאַ הולטאַאישקע!
(שרה העניע און זעלדע אָפּ. פוקסמאַן
פּילט זיך פּרייער, נעמט אַרויס סיגאַרן.)

פוקסמאַן: הער רעוורענד, וואָלן זיי איין סי־
גאַר?

אברם פייוועל (נעמט איינס): דאַנקע, דאַנקע.
(ער טראָגט אונטער פוקסמאַנ׳ען פייער.
ביידע פאַרויכערן.) אייערע סיגאַרן, האָך
געשעצטער הער נאָטאַן פוקסמאַן, זיינען
אויסגעצייכנטע! מוזן זיין אימפּאָרטירטע.
(פויזע. פוקסמאַן וואַרפט אויגן אויף פריי־
דען, קוקט זיך איבער מיט אברם פייוועלן.)

אברם פייוועל (רייסט איבער דעם שטיל־
שווייגן): איך האָב שוין מיט פריילין מיר־
מעלשטיין גערעדט. — זי איז מסכים.
צופרידן מיין איך, מיט איהנען אַ שידוך
צו טאָן.

פוקסמאַן (דערפרייט): גוט!... אויסגע־
צייכנט!... וואונדערבאַר!... (ער קוקט
צום טיר, האָט מורא די ווייבער זאָלן אים

ניט צושטערן זיין גליק) אויב עס איזווירק־
ליך זא, דאן איסט עס גראסארטיג!...
דאנער וועטער טאוזענד מאל! (צו פריי־
דען) זאל עס ווירקליך זיין די ווארהייט.
וואס דער רעוורענד זאגטע, פריילין מיר־
מעלשטיין? (פרידע ענטפערט ניט.)

אברם פייוועל: אז איך זאג איהנען, אז זי איז
מסכים, ווייס איך וואס איך רעד... ווי איך
בין איין יודע — איך האב דאס פון איר
מויל אליין געהערט.

פוקסמאן: איך וועל איהנען, שענעס מערכען,
פון קאפ ביז די פיס איין גאלד און דימאנטען
באדעקען. איך וועל איהנען ארומפירען אין
די טייערסטע אויטאמאבילען. מיר וועלען
צוזאמען א לוסט רייזע איבער דער וועלט
מאכען. מיר וועלען גיין צו קאנצערטען, בע־
לער, אפערא...

פרידע: אך, ווי גוט! אט דאס הייסט גע־
לעבט!

אברם פייוועל: איא, איך האב אייך ניט גע־
נארט? איך האב דאך אייך געזאגט, אז
הער נאטאן פוקסמאן איז איין עשר, א גביר
אן אדיר, א רענעלער מיליאנטשיק. איר
וועט זען — ער וועט אייך אלעמען גליק־
לאך מאכען!...

פוקסמאן (קוקט פרידען גלייך אין די אויגען צו־
פרידן און ציניש.): יא, יא, געלט האב
איך פיל. נו, און דאס איבריגע קאמט שויז.
ניכט וואר, ליבעס פריילין?

אברם פייוועל: אזוי שטייט בפרוש אין פסוק: כסף וזהב מטהר ממזרים. דאָס הייסט, ווער עס האָט די מאה, יענער האָט די דעה. ניכט וואר?...

פרידע (אַז אומצופרידענע האַלט זיך אין איר ראָל): אָבער ווייסט איר, מיסטער פוקס־מאַן, אַז מיינע עלטערן זיינען אָרימע?

פוקסמאַן: יאָ, יאָ, — דאָס ווייס איך. איך וועל זיי אָלעמען באַהילפיג זיין. איך גיב זאָפאָרט צו איהנענס פאָטערן גאַנצע פינף הונדערט טאָלער, און ווען נויטיג זאָגאר טויזענד טאָלער און לאָז ער זיך איינשאַפן אַ געשעפט זאָ ווי איין לאָנדרי, גראָסערי אָדער קענדי סטאָר — וואָס ער וויל נור אליין... אָ, יאָה, געוויס, איך וועל זיי העלפן.

אברם פייוועל: אהאָ, איר זעט שוין? איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז ער וועט אייך אָלעמען גליקלאָך מאַכן. עפּעס אַ קלייני־קייט אַריינפאַלן צו נאַטאַן פוקסמאַן אין די הענט!

פרידע: דאָס פרייט מיך זייער. אָבער הער פוקסמאַן, האָט איר מיך ווירקלאָך ליב?

פוקסמאַן (מיט אַ פייערל אין די אויגן: וואָצו פראַגען זי עס? נאָך אָלץ הייסט ליב! — איר זענט דאָך אַזאַ יונגעטשקע, רייצענדע פרויענצימער.

פרידע (קאקעטיש): אבער, מיסטער פוקסמאן. וואלט איר מיך אויך ליב געהאט, ווען איר וואלט געווען מיין פאטער?

פוקסמאן (אין פארלעגענהייט): נו, נאטירליך. גאנץ זיכער. ווי קאן מען דען נישט ליבען אזא שייניגקע, לוסטיגע טעכטעריל.

פרידע: אנטשולדיקט מיר, בלויז נאך איין פראגע. וואלט איר מיך, הער פוקסמאן, אויך ליב געהאט, ווען איר וואלט געווען מיין זיידע?

פוקסמאן (אונצופרידן): וואצו די אלע פראגען, ליבעס פריילין? גאנץ זיכער, ווען איך אזא אייניקל האבע טראג איך עס אויף מיינע ארימס טאג זא נאכט. (ער גייט צו צו פרידען, וויל זי גלעטן, זי רוקט זיך אפ.)

פרידע: אויב אזוי איז גוט. עס איז א פאסענדער שידוך.

אברם פייוועל: נו, געווים א פאסענדער שידוך. איך האב דאס פאראויס געזאגט. שוין איין מאל א שידוך, אזא יאר אויף מיר!

פרידע (הויך): באבע זעלדע, מאמע, קומט נאר אהער אריין! (זיי קומען אריין נייגעריקע) הער נאטאן פוקסמאן וויל מיך ליב האבן זאגאר אלס אייניקל, דערפאר שלאג איך אים פאר דאס ער זאל הייראטן... ווייסט איר מיט וועמען? (פארוואונדערט קוקן זיך אלע איבער, ענטפערן נישט.) מיט מיין באבע זעלדען. (אלע בלייבן דערשטוינט.)

פוקסמאַן (נערוועז): ביטע, מאַכן זי נישט קיין שפּאַס! איך בין איין ערנסטער מענטש און איך ליבע נישט ווען מען טרייבט קאַטאָוועס...

אברם פייוועל: איר זייט פּשוט משוגע! פאַרגעסט ניט מיט וועמען איר האָט דאָ צו טאָן!... מיר זיינען נישט קיין אינגלאַנד.

פרידע: איך מיין גאַנץ ערנסט, מיסטער פוקסמאַן, ווי איך בין אַ אידישע טאָכטער, עס איז אַ פּאַסענדער שידוך פאַר אייך. מיין באָבע זעלדע איז פון יחוס — זי איז אַ שוחט׳ס אַ טאָכטער און זי איז נאָך מיט עטלאַכע יאָר אינגער פון אייך...

אברם פייוועל: וואָס איז דער מער מיט דיר? ביסט פון זינען אַרונטער?! וואָס מיינסטו, ער איז עפּעס דיין גלייכן? פוי, חלשות! מען רופט צו זיך מענטשן און מען נעמט זיי אויסלאַכן.

פוקסמאַן (טוט אָן זיין צילינדער, נעמט זיין שטאָק. נערוועז און בלאַס.): קאַמען זי, הער רעווערענד! זעהען זי, — מיט קבצנים און שנאָרערס דאַרף מען זיך נישט קאָמפּאַנירן.!.. קאַמען זי.

פרידע: איר האָט מיך, מיסטער פוקסמאַן, געוואָלט אָפּקויפן מיט אייער שמוציק געלט? איר מיינט, אַז איך בין אייך די מאָדעל מיידלאַך? גייט פון דאַנען, איר אַלטער אויסגעלאָסענער, שמוציקער הולטאַי און ווערגט זיך מיט אייער אַנגערויבט געלד!...

פוקסמאַן: אי, וואָס פאַר א שפּראַך!.. וואָס פיר שימף ווערטער! — דאָס איסט אימער זאָ, ווען מען פאַנגט זיך אָן מיט די רוסישע שנאָרערס.

אברם פּייוועל: פוי, אַ חרפּה, אַ שאַנדע! מען וויל זיי די שלעפּערס גליקלאַך מאַכן, און זיי שעלטן זיך נאָך! פוי, ס'אַרא גראָבע יונגען!

שרה העניע: באַ מיר איז שטוב, דו באַד יונג, ווערסטו מיך זידלען? אַרויס פון דאַנען הולטאַיעס, שאַרלאַטאַנעס!...

זעלדע (כאַפּט דעם בעזים און שרייט): אַרויס פון דאַנען גנבים, טרייפניאַקעס, שאַרלאַ־טאַנעס! אַרויס פון דאַנען, וואָס גיכער! — אַניט וועל איך אייך די ביינער צו־ברעכן!... (פרידע לאַכט. פוקסמאַן און אברם פּייוועל אָפּ.)

(פאָרהאַנג.)

ניו יאָרק, 1928.

ניט געלונגען

(אַ שפּאַס אין איין אַקט)

פערזאנען:

בערל, אַ קליין און דאַר באוואקסן מענטשל. מיט אַ צעפּאַטעלטער קאָפּ האָר, אַן אַ רעקל, צעריסענע הויזן.

שפּרינצע, זיין פרוי, הויך און דיק, מיט געלבלאַכע פלעקן איבער'ן פּנים, אנגעטאָן אין אַ סך פאַרלאַטעטע קליידלאַך.

יאַנקאָ, אַ הויכער, שלאַנקער מאַן אין די זעכציקער, געראַזירט מיט לאַנגע גרויע וואָנצעס, פון אונטער זיין היטל מיט'ן גלאַנציקן דאַשעק שטעקט אַרויס אַ גרויע טשאַפּרינע האָר, טראָגט אַלטע קליידער און שמוציקע שטיוול.

סצענע:

אַן אָרימער קעלער אין ניו יאָרקער געטאָ. רעכטס — צוויי פענצטער, פון וועלכע עס קומט אריין אַביסל ליכטיקייט און אַ טיר. לינקס — אַן אַלטע סאָפע. אין הינ־טערגרונט — אַן אַלמערל מיט געשיר, אויף וועלכן עס שטייען טעפּלאַך און סלאָיעקלאַך, עטלאַכע ליידיקע קעסטלאַך און פעסלאַך פון פּרוכט: לינקס אין ווינקל אַ פאָרהאַנג, הינטערן פאָרהאַנג אַ בעט. אין מיטן צימער אַ קליינער טיש, אויף וועלכן עס ליגן אַ פּאָר צייטונגען, אַ בוך און טאָוולען: אַלטע ביינקלאַך; אין אַ ווינקל אַנגעוואָרפן אַלטע זאַכן און שמאַטעס: אויף די ווענט בילדער פון צייטונגען.

שפרינצע (וואַרפט פון צייט צו צייט אַ טרויעריק בליק אויף בערלען און קרעכצט. בערל זיצט לעבן טיש פאַרטראַכט): נו, זאָג אַליין, בערל, וואָס וועט זיין דער סוף? ביז וואַנען, לא־יוצלח מיינער, וועסטו דאָס זיצן ליידיק? דענקסט איך האָב כח ארומצושלעפן זיך מיט די קאַשעקעס! ... באַ לייטן מענער זוכן, גראַבן מיט'ן נאָז און געפינען עפעס צו טאָן, און דו זיצסט גאַנצע טעג און גענעצסט. ניטאָ קיין ארבעט — ווערט מען אַ פעדלער, האַנדעלט מען מיט אַלטע זאַכן... נו, וואָס שווייגסטו, תכשיט מיינער? — די צונג האָט דיר אָפּגענומען!

בערל: אַ, וואָס זאָגסטו?

שפרינצע: גולם, דו הערסט אפילו ניט וואָס מ'רעדט צו דיר.

בערל: זיך אַביסל פאַרטראַכט.

שפרינצע: זיך פאַרטראַכט. גרויסער קאָפּמענטש מיינער, פילאָזאָף! — איך וועל זיך ארומשלעפן מיט אַ קויש פרוכט איבער די גאַסן און ער וועט זיצן און טראַכטן!... אוי, באַגראָבן זאָל איך דיך שוין, רבונו של עלום! אַזאַ פינצטערע דאַליע מיינע...

בערל: שילט זיך ניט, שפרינצע, — דו וועסט נאָך אַמאָל חרטה האָבן.

שפרינצע: איך זאל דיך אפשר בענטשן? א שיינע מערכה האב איך בא דיר. שוין צוועלף יאר פארהייראט און ניט קיין קינד און ניט קיין רינד, און ווען איך זאל ניט ארויסהעלפן וואלטן מיר געשטארבן פון הונגער. נאך צו די אלע מעלות דיינע האסטו זיך אויסגעלערנט צו טרינקען. — דאס האב איך שוין דיין פריינטל יאנקא׳ן צו פארדאנקען. דו הערסט, אויב יאנקא וועט קומען — לאז אים אין שטוב ניט ארייז. איך דארף ניט קיין שכורים אין מיין הויז. קיין דירה־געלט צאלט ער סיי ווי סיי ניט. (זי פארקאטשעט א האלבן טוצן קאלירטע ציצענע קליידלאך, שטופט אריין אין א גרויסער קעשענע איר געלט בייטעלע, טוט אן אן אלטן אויבערמאנטל, נעמט דעם קויש און גייט צום טיר, זי קערט זיך אום צוריק.) יא, איך האב גאר פארגעסן . . . אט דא אין דעם טעפעלע (זי ווייזט אן אויף איינעם פון די טעפעלאך.) איז דא אזא דזשעלע. דאס איז פויזן, סם פאר די מייז. דו הערסט, זאלסט זיך צו דעם ניט צורירן, — דאס איז געפערלאכע סם פאר די מייז. (שפרינצע אפ, בערל קוקט אן דאס טעפעלע, הויבט זיך אויף, מארשירט ארום, זינגט טרויעריג, זעצט זיך ווידער באם טיש. שפארט אן זיין קאפ אויף זיינע פויסטן און פארטראכט זיך. יאנקא קומט אן מיט א שפיל־קאסטן, וועלכער איז אריבערגעצויגן מיט לעדערנע פאסקעס איבער זיינע

פּלייצעס און מיט אַ גראָבן קורצן שטעקן.
ער באַפרייט זיך פון זיין שווערער לאַסט,
זינגט אַ גאַסן־לידל, ניט באַמערקנדיק
בערלען. ער שלעפּט ארויס פון אַ הינטער
קעשענע אַ היבשע פלאַש שנאַפּס און
טרינקט מיט פרייד און זינגט, ער גייט צו
צום טיש דערזעט בערלען.)

יאַנקאַ: נו, וואָס זיצסטו, ברודערקע, ניט טויט,
ניט לעבעדיק? וואָס, שוין ווידער גע־
כאַפּט אַ פּאַרציע פון דיין שפּרינצען? . . .
דו, נאַרעלע, מאַך זיך ניט הערנדיק, — זאָל
זיך דיר דוכטן, אַז זי האָט דיך געבענטשט.

בערל: שלעכט, ברודער, פּאַסקודנע! — איי־
דער אַזאַ לעבן איז שוין בעסער דער טויט.

יאַנקאַ: דו פאַנגסט שוין אַן ווידער נודיען. ניט
געזאָרגט, בערטשיק, אָט האָסטו אַ פלאַש
שנאַפּס . . . גיב גלעזלאַך, וועלן מיר מאַכן
אַ כוסה. (בערל רירט זיך ניט פון אָרט.)
נו, ווילסט ניט? דאַרף מען ניט. איך קאָן
מיך באַגיין אָן אַ גלעזל. (יאַנקאַ טרינקט
פון פלאַש.) אַ טייער ביסל שנאַפּס! —
וואָרעמט פאַנאַנדער די ביינער . . . נו,
טרינק, בערטשיק! (ער שטעלט די פלאַש
לעבן בערלען.)

בערל: איך וויל ניט.

יאַנקאַ: טרינק, אַז מען גיט דיר!

בערל: מיין שפּרינצע האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל ניט טרינקען.

יאַנקאַ: הער זי ווי דעם קאָטער. וואָס ווייס אַ אידענע וואָס גוט איז... נו, טרינק בערע־לע, אביסל, וועסטו באַלד פריילאַך ווערן. (ער שטופּט אים די פלאַש, בערל קאָן מער דעם יצר־הרע ניט גובר זיין און טרינקט.) אָט אַזוי ביסטו אַ מאַן. (קליינע פּויזע).

בערל: פאַרלאָרענע מענטשן זיינען מיר, טויט־געניכטצן.

יאַנקאַ: ריכטיק, ריכטיק. איך בין אויך אַ טויט־געניכטער.

בערל: איבריקע מענטשן זיינען מיר. מיר זיי־נען אָפּפאַל, — שמוץ פון גאַס, אויסגע־שפּיגענע.

יאַנקאַ: ריכטיק. אויסגעשפּיגענע און אויסגע־שפּילטע... באַ מיר, בערטשיק, איז שוין נאָך אַלעמען, — נאָך אַלעמען... אַמאָל איז יאַנקאַ געווען אַ מענטש, אַ מענטש געווען. אַ סאָלדאַט געווען — אַ קאַוואַלע־ריסט; אַ קונצנמאַכער אין אַ צירק — אָט וואָס איך בין געווען: געסמאַליעט, גע־ברענט אַ וועלט; ליבעם געפירט... איצט אויף דער עלטער אַ בעטלער, — שלעפּ זיך אַרום מיט דער קאַטערינקע און בעטל נדבות, און אַז איך שנאַר צוזאַמען אַ דאָ־לאַר, קויף איך מיר אַ פלאַש משקה, מאַך לחיים און זינג מיר אַ לידל.

בערל: דו האסט כאטש אמאל געלעבט, געהאט אביסל גליק אין דער יוגנט. איך בין אבער־אלעמאל אן אומגליקלאכע באשעפעניש גע־ווען. מיין טאטע־מאמע געדיינק איך אפילו ניט. דערצויגן געווארן בין איך אין א יתומים אנשטאלט. ארום פרעמדע טישן זיך געוואלגערט. צו וואס איך האב מיך גענומען איז מיר געגאנגען מיט׳ן פוטער אראפ. אז איך האב חתונה געהאט מיט שפרינצען האב איך געמיינט, אז זי וועט מיך פאר א מענטשן מאכן. אבער אז דער מזל איז קליין איז כאטש זעץ זיך און וויין. אט זעסטו דאך, — אז איך האב זיך שוין יא אויסגעלערנט א מלאכה, איז קיין אר־בעט ניטא... איך בין, יאנקא, א געבוי־רענער שלים־מזל, א לא־יוצלח, א טויגע־ניכטץ... שלעכט, ברודער, שלעכט.

יאנקא: יא, אמת, עס איז דיר אויך ניטא וואס צו מקנא זיין. אבער קלאגן, בערטשיק, דארף מען ניט. נא, טרינק בעסער! (בערל טרינקט ניט, יאנקא טרינקט אליין.)

בערל: הער נאר, יאנקא, איך האב א פלאן, ווי אזוי מיר קענען אויסגעלייזט ווערן פון אלע אונזערע צרות אין איינע פינף מינוט.

יאנקא: ברודער בערטשיק, אויב נאר א גוטער פלאן —**נעמט יאנקא אן.**

בערל: איך וויל מאכן א סוף צו דעם אלעמען. עס איז שוין מיר נמאס געווארן די גאנצע **נארישע שפיל.**

יאַנקאַ: אַזוי גאָר! אַנו, באַווייז דאָס קונצע־
ניו?

בערל: גאָר איינפאַך, — איך וועל זיך נעמען
דאָס לעבן און פּטור.

יאַנקאַ: האַ, וואָס זאָגסטו? זיך נעמען
ס'לעבן? — שאַ, אפשר טאַקע.. (פאַר־
טראַכט זיך אַביסל) וואָס אַנצואַווערן? —
כ'לעבן, בערטשיק, אַ גוטער איינפאַל!...
(ער שטופּט בערלען מיט גוואַלד די פלאַש.
בערל טרינקט.)

בערל: פוי, ס'אַראַ שטאַרקע שנאַפּס, —
ברענט אַזש אין די קישקעס. עס הויבט
זיך באַ מיר אָן פאַרדרייען דער קאָפּ.

יאַנקאַ: הייסט עס, ברודער בערל, מיר נעמען
זיך דאָס לעבן. —— פיין, אויסגעצייכנט!
(פּאַטשט בערלען איבערן פּלייצע) אַ וואונ־
דערבאַרער איינפאַל!... בראַוואָ בער־
טשיק!... אַלזאָ מאַכן מיר דאָס האַקוס
פּאַקוס לאַמטאַדרידל און היידאַ גלייך אויף
יענער וועלט. איך בין גרייט, בערטשיק,
כאַטש די מינוט.

בערל: איך אויך.

יאַנקאַ: אָבער מיט וואָס מאַכן מיר דאָס, בער־
טשיק? — מיט אַ מעסער כיק? (פירט
מיט'ן האַנט איבערן האַלדז.)

בערל: ניין, יאַנקאַ, מיט סם.

יאַנקאַ: מיט סם? וואו־זשע נעמט מען אַ גוט
ביסעלע סם?

בערל: פאַראַן, יאַנקאַ, פאַראַן. (ער ברענגט דאָס טעפּעלע מיט דעם סם פאַר די מייז.) אָט דאָס האָט מיין שפרינצע פאַרמישט דזשעלי פאַר די מייז. פאַרשטייסט, גע־פערלאַכע פויזן פאַר די מייז. לאָמיר נעמען צו לעפל און מיר'ן ווערן פאַרטיק.

יאַנקאַ: גוט, אויסגעצייכנט! לאָמיר זיך נע־מען גלייך צו דער אַרבעט. צום ערשט — דערטרינקען די פלאַש בראַנפן: מען קאָן דאָך ניט אַזאַ גוטן פריינט איבערלאָזן איי־נער אליין. אַנו, ברודערקע, צוויי גלעזלאַך אַהער. (בערל ברענגט גלעזלאַך, יאַנקאַ גיסט אָן.) נו, לחיים, בערטשיק, לחיים! — מיר זאָלן דערלעבן זיך טרעפן אין אַ גוטער שעה אויף יענער וועלט. (זיי טרינקען. יאַנקאַ גיסט אָן דאָס לעצטע ביסל בראַנפן.) טרינק דאָס לעצטע ביסל!... לחיים. וועלטוניו, צום לעצטן מאָל!... (זיי טרינקען ווידער.) אַ יאַ, גוט? — עס ווערט וואַרעם אַ מחיה! אַזש גאָר עס ווילט זיך טאַנצן... טאַקע, בערטשיק, לאָמיר טאַנצן! אַ טויטנטאַנץ. (ער שלעפּט בער־לען מיט גוואַלד, קרייצט איבער אַ האַנט איבער אַ האַנט, ער זינגט אַ פריילאַכס. זיי טאַנצן. יאַנקאַ טאַנצט מיט התלהבות. בערל שלעפּט זיך נאָך. ווען זיי ענדיקן זעצן זיי זיך ווידער אויס באַם טיש.) נו, איצט

בין איך פּאַרטיק, פּאַרטיק צו באַגעגענען די חברה פון יענער וועלט. אהער צוויי לעפּל, בערטשיק!

בערל: וואַרט נאָר אַ ווײַלע, אפשר זאָל איך איבערלאָזן אַ פּאָר ווערטער פאַר מײַן שפּרינצען. ס'איז דאָך אויף איר אויך אַ רחמנות.

יאַנקאַ: אהאַ, דו קריגסט שוין קאַלטע פיס! דו האָסט שוין חרטה!... נאַרעלע, דײַן שפּרינצע וועט גיין טאַנצן אַ פרײלאַכס, אַז זי וועט דיר פּטור ווערן. נו, דו נעמסט?

בערל: יאָ.

יאַנקאַ: אהער צוויי גרויסע לעפּל. (בערל ברענגט צוויי גרויסע לעפּל, זיי נעמען אַן.) אַ פולע לעפּל, בערעלע, ניט געפּאַנפּעט! (באַ בערלען טרייסלט זיך די לעפּל אין האַנט.) ווער נעמט ערשט?

בערל: דו, יאַנקאַ, נעם צוערשט.

יאַנקאַ: אהאַ, דו שרעקסט זיך פאַר'ן טײַוול. דו פייגלינג איינער!

בערל: לאָמיר נעמען ביידע גלייך.

יאַנקאַ: גוט, אַלע האָפּ! (האַלטן אָפּ. קוקן זיך אָן פאַרדעכטיק.) נו, איינס, צוויי, דריי. (ביידע עסן. בערל צו ביסלאַך, מיט שרעק. מאַכט זויערע גרימאַסן; יאַנקאַ שלינגט איין די גאַנצע לעפּל.) נאָר די גאַנצע לעפּל, בערעלע.

בערל: אוי ביטער! עס ברענט! פוי... פוי...

יאנקא: יאָ, עס ברענט. ביטער! זים!... בערעלע, נאָך צו לעפל. מען דאַרף עס מאַכן אויף זיכער. אַז שטאַרבן — זאָל זיין געשטאָרבן. (יאנקא נעמט אַן נאָך אַ פולע לעפל. בערל אַ צושראָקענער קרימט זיך, בלאָזט פון זיך.) דו, בערל אויך:— ניט קיין סלעקער. (בערל נעמט אַן „אביסל שטעלט דאָס טעפעלע אונטערן טיש, ביידע עסן, בערל קאַרטשעט זיך און גייט צום סאָפע.)

בערל: אוי עס ברענט באַ מיר! גאָטעניו, שיק מיר דעם טויט וואָס שנעלער! (ער האַלט די הענט אויפ'ן בויך און דרייט זיך אין קראַמפן.)

יאנקא: באַ מיר, בערל, ברענט שוין אויך אין האַלדז. גוד באַי, בערל! גוד באַי קאַטערינ־קע! — שוין באַגיין אַן יאנקאָ, אוים יאנ־קאָ. געוועזן אַ יאנקא און ניטאָ מער קיין יאנקא. פוי, ביטער! זים! פייער! לעשט!... (ער האַלט זיך אויך פאַר'ן בויך.) בערטשיק, טייערער, לאָמיר זיך צו־קושן פאַר'ן טויט. (ער גייט צו און קושט בערלען.) גוד באַי, בערעלע, גוד באַי! פאַר־גיב מיר, וואָס איך האָב דיר קיין דירה־געלט ניט געצאָלט!

בערל: איך שטאַרב!... איך זע שוין די יע־נע וועלט!... אוי, איך פלי... (בערל ציט זיך אוים אויפ'ן סאָפע).

יאנקא: איך זע שוין דעם זיבעטן הימל. איך זע שוין ווי די מלאכים טאַנצן און זינגען... (ער זינגט מיט אַ שכור׳ער הייזעריקער שטימע: „גלאָרי הללויה...“ ער זעצט זיך אויפ׳ן דיל. שפּרינצע קומט אַן.)

שפּרינצע: וואָס טוט זיך דאָ?... (קוקט זיך אַרום) אהא, דער שכור איז שוין ווידער דאָ! — מען האָט זיך שוין ווידער אָנגעטרונקען. אַרויס פון מיין שטוב שכורים, פּוסטעפּאַסניקעס, ליידאַקעס! שוין זאָלט איר אַרויס פון מיין הויז! אייער פוס זאָל דאָ מער באַ מיר ניט זיין!...

בערל: שריי ניט, שפּרינצעלע, — איך בין פאַרביי... איך ברען!... דער קאָפּ ברענט באַ מיר! די קישקעס ברענען... אוי, איך ווער פאַר׳שרפ׳עט!

יאנקא: באַ מיר ברענט אויך. באַלעבאַסטע — ס׳ברענט!

שפּרינצע: אַז פאַרברענט און פאַר׳שרפ׳עט זאָלט איר טאַקע ווערן אויף אַן אמת!... משוגעים, וואו ברענט? וואָס ברענט?

בערל (פּאַטשט זיך איבערן בויך): אָט דאָ ברענט. איך בין פאַרביי... זיי מיר מוחל, שפּרינצעלע. — איך פאַר... איך פאַר...

יאנקא: איך פאַר אויך. איך פאַר אויך. אַ גוטן, באַלעבאַסטעניו — איך פאַר שוין פון אייך אַוועק אויף אייביק. (ער זינגט שטיל: „גלאָרי הללויה...“)

שפרינצע: איך זיית אפנים משוגע געווארן. (טאפּט בערלען דעם קאָפּ.) ער רעדט פון היץ. זאָג וואוהין פאָרסטו, בערל?

בערל: איך פאָר אויף יענער וועלט, צו מיין טאַטע־מאַמע און צו מיין זיידע־באָבע. איך פאָר... איך פאָר.

יאנקא: איך פאָר אין אַ גאָלדענע קארעטע מיט זעקס פייערדיקע פערד און אַ מלאכ׳טע איז די אָנשמייסערין.

שפרינצע: גוואַלד, בערל! וואָס האסטו געטאָן? וואָס איז דיר געשען?

בערל: אוים בערל, ניטאָ מער קיין בערל. בערל איז שוין געשטאָרבן. איך האָב זיך פאַר־סמ׳ט.

יאנקא: איך אויך... (פּאַטשט זיך אין ברוסט.) איך האָב זיך אויך פאַר׳סמ׳ט. צוויי לעפל סם איינגענומען. איך דאַרף שוין איצט אויף כּפּרות אייער נאָסן קע־לער. די קאטערינקע דאַרף איך אויך ניט...

שפרינצע: וויי און ווינד איז מיר! — זיי האָבן זיך פאַר׳סמ׳ט. (אַ נערוועזע פאַנגט זי אָן ארומלויפן איבערן צימער, ברעכט זיך די הענט.)

בערל: אוי, עס ברענט... איך בין פאַרביי... איך שטאַרב... איך גוסס. אוי, עס ווערגט מיך, עס שטיקט מיך...

יאנקא (ציט זיך אוים אויפ׳ן דיל.): איך שטאַרב שוין אויך... איך זע שוין ווי דער

מלאך המות שאַרפט זיין מעסער. (ער שלאָפט איין.)

שפּרינצע (בלייבט שטיין אין מיטן צימער): וואָס זאָל איך איצט טאָן? (שרייט) גוואַלד אידן, העלפט! ראַטעוועט!... (זי גייט צו צו בערלען, גלעט אים.) מיין טייערער, מיין ליבער בערטשיק, וואָס האָסטו געהאַט צו מיינע יונגע יאָרן? וואָס וועל איך מיר איצט אהין טאָן?... ווי און ווינד איז מיר.

בערל: זיי שטיל, שפּרינצעלע, — לאָז מיך שטאַרבן רואיק. וויין ניט. זיי מיר מוחל... איך האָב איינגענומען סם.

שפּרינצע (וויינט): אויף וועמען לאָזסטו מיך איבער, מיין גוטער, מיין האַרציקער בערל? ווי איז צו מיינע יאָרן! — איך וועל דאָך בלייבן אַ וויסטע אלמנה. (זי פאַרטראַכט זיך, לויפט כאַפּט אַ פלאַש זויער־מילך. שטופּט בערלען אין מויל, ער ווערט זיך.) טרינק די זויער־מילך, זאָג איך דיר!

בערל: איך ברען... לאָז מיך שטאַרבן רואיק. איך וויל מער ניט לעבן. צוויי לעפל סם האָב איך איינגענומען.

שפּרינצע: בערעלע, טייערער, ליבינקער, וואו האָסטו גענומען סם?

בערל: גענומען, אין דאָרט אין יענעם טעפּעלע. (ווייזט אָן דר׳ערד לעבן טיש.)

שפרינצע: (לויפט צום טעפעלע, קוקט אריין, זעט עס איז כמעט ליידיק, פאנגט אן צו שרייען): גזלנים! פרעסער! זויפער! א בראך צו אייערע ביינער! איר האט דאך מיר אויפגעגעסן דאס גאנצע טעפעלע מיט איינגעמאכטץ! ווי דאס הארץ האט מיר געזאגט, אז זיי וועלן עס אויפרעסען. איך האב אונמיסטן געזאגט אויף א שפאס, אז עס איז סם, כדי די מנובלים זאלן ניט דער־שמעקן דעם איינגעמאכטץ.

בערל (הויבט זיך אויף): א? וואס אזוינס האבן מיר אויפגעגעסן? איינגעמאכטץ גאר און ניט קיין סם?

שפרינצע (קוקט ווידער אין טעפעלע): וויי איז מיר, — דאס גאנצע איינגעמאכטץ האבן זיי אויפגעפרעסן! אז אויפפרעסן זאל שוין אייך דער מלאך המות! (צו בערלען), אז באגראבן זאל איך שוין דיך, אומגליק מיינער! (צו יאנקא'ן, קלאפט אים מיט'ן פוס.) ארויס פון דאנען, פיאניצע, שכור! דיין פוס זאל דא מער בא מיר ניט זיין.

בערל (ווערט רואיק, גייט צו צו יאנקא'ן, וועקט אים פון שלאף): שטיי אויף, יאנקא. עס איז ניט געווען קיין סם.

יאנקא (רייבט זיך די אויגן): א? ... וואס? נאך אלץ ניט געשטארבן?

שפרינצע: אַז אויסקויקלען זאָל איך די כאַ־לעריע כאַטש היינטיקן טאָג! אַז אויס־פּייגערן זאָלט איר אויף אַן אמת, גאַטעניו, האַרציקער!

בערל: מיר האָבן זיך אָנגעגעסן גאָר מיט איינ־געמאַכטץ.

יאַנקאַ: איינגעמאַכטץ גאָר? ניט קיין סם? (שטעלט זיך אויף) הייסט עס, היינטיקס מאָל איז עס ניט געלונגען?

בערל: ניט געלונגען, ברודערקע, ניט געלונגען.

(פאָרהאַנג.)

ניו יאָרק, 1928.